# גליון בארצות החיים

גליון ג' - פרשת עקב ואתחנן

**אמונה, השקפה, נייעס, באריכטן, מעשיות,**
איבער די פילע פארצווייגטע פעולות צו
ראטעווען די קדושים אשר בארץ המה.



## אידן אלוועלטליך קוקן ארויס מיט האָפענונג און תפלה צו ערהאלטן בעז"ה פולקאָמע ערלויבעניש אויף אומגעצוימטע טרעוול קיין אומאַן - ראש השנה תשפ"א

2

## בריוו

וואס איז ערהאלטן געווארן צום מערכת

6

מערכת בארצות החיים
(862) 231-4409
Bartzshachaim@gmail.com

### מדור השקפה - אמונה ובטחון:

# די שרעקליכע צער פון דעם הייליגן צדיק - איז אויך אונזער פערזענליכע צער!

אין די פוסקים געפינען מיר אן אינטערסאנטע חקירה, א שאלה וואס ווערט שוין דערמאנט אין פריערדיגע ספרים: נעמליך, איז א גרעסערע כבוד המת פאר א נפטר צו ווערן באערדיגט אין א גרויסן בית החיים, ארומגענומען מיט נאך פילע קברים, אדער איז מער פאסיג און חשוב פאר'ן נפטר ווען מען באערדיגט אים אויף אן אפגעזינדערטע ארט, נישט אינאיינעם מיט אנדערע קברים.

מיט אן אויבערפלעכליכן בליק, וואלט אונזער "דעת בעל הבית" געזאגט, אז א קבר וואס ליגט אפגעזינדערט פאר זיך, איז לכאורה א גרעסערע "יחוס" ווי ווען עס איז ארומגענומען מיט אנדערע קברים. אין אונזער גשמיות'דיגע לעבן זעהן מיר צ.ב.ש. אז א הויז וואס שטייט אפגעזינדערט אויף אַן אייגענעם שטח, ווערט באטראכט ווי א פיל מער טייערע און ווערטפולע זאך, ווידעראום א הויז וואס געפינט זיך צווישן אנדערע הייזער, פארלירט עס איר אייגנארטיגקייט און איז נישט אזויפיל ווערד.



אבער מיט א בליק אין די ספרי קודש, שטעלט זיך ארויס אז דער כלל איז נישט גילטיג ווען עס איז די רעדע פון דעם מקום מנוחה פון די ישיני עפר. דארט איז פונקט פארקערט. וויפיל מער קברי ישראל עס זענען פארהאן אין א בית החיים, וויפיל מער נפטרים זענען באהאלטן אויף דעם מקום קדוש, איז דאס בלויז א גרעסערע מעלה און א גרעסערע חשיבות פאר יעדן יחיד וואס איז דארט באהאלטן צווישן די אנדערע נפטרים. ווייל דער קדושת המקום ווערט נאר שטארקער מיט יעדער איד וואס ווערט באערדיגט אין די בית החיים.

## וואס איז דער מקור דערצו?

לאמיר אריינקוקן אין די ווערטער פון דעם הייליגן מבי"ט, רבינו יוסף מטראני זי"ע, וועלכער איז געווען דער אב בית דין אין צפת מיט נאנט צו 500 יאר צוריק, א חבר פאר'ן הייליגן בית יוסף, וואס שרייבט אין שו"ת המבי"ט ח"ב סי' כ"ח, וז"ל: "גם בבית החיים גדול כבודו בישועת ד' לתחייה ברב עם הדרת מלך, כי יותר מעלה וכבוד יש בבית החיים הנקברים בו רבים אין להם מספר, וכמו שאנו מברכים והוא יודע מספר כולכם בדין". עכ"ל.

אין א לייכטע אידישע איבערזעצונג טוט דער הייליגער מבי"ט באשטימען אז ס'איז פארהאן א גרויסער ענין און א ספעציעלע חשיבות ביי א גרויסער בית החיים מיט מערערע נפטרים. נאכמער זאגט דער מבי"ט אז ס'איז דא דערביי דאס ענין פון "ברוב עם הדרת מלך", ווען מען וועט בעז"ה אויפשטיין צו תחיית המתים.

און דער מבי"ט איז מוסיף אז דערפאר האבן טאקע חכמינו ז"ל מתקן געווען דעם נוסח פון די ברכה ווען מען זעהט קברי ישראל, "אשר יצר אתכם בדין ויודע מספר כולכם בדין", ווייל ס'איז פארהאן א געוואלדיגע מעלה און א כבוד פאר אזא בית החיים וואו עס ליגן אומצאליגע אידן, וואס נאר השי"ת איז דער "יודע מספר כולם" ביז משיח'ס טאג.

פון די הייליגע ווערטער זעהן מיר אז ס'איז אייגנטליך נישט קיין "צופאל" דער מציאות אז אידישע בתי חיים זענען אזוי אויסגעשטעלט אז עס ווערט דארט נטמן הונדערטער און טויזנטער נפטרים אויפ'ן זעלבן שטח. נאר דאס איז דירעקט אזוי איינגעפירט געווארן צוליב די ספעציעלע חשיבות און מעלה וואס איז פארהאן ביי א מקום וואו עס ליגן אסאך אידישע נפטרים. און די ברכה וואס

המשך אויף זייט 4 >>>



# אידן אלוועלטליך קוקן ארויס מיט האפענונג און תפלה צו ערהאלטן בעז"ה פולקאמע ערלויבעניש אויף אומגעצוימטע טרעוול קיין אומאַן - ראש השנה תשפ"א

**אוקריינא מעלדט פארלייכטערטע רעגולאציעס וועלכע וועלן בעז"ה ערמעגליכן פיל גרינגער צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה פון מערערע לענדער .**

הרשעים כים נגרש:

**ציוניסטישע רעגירונג פארלייגט אויסטערלישע כוחות צו שטערן און אפהאלטן דעם קיבוץ ראש השנה אין אומאן היל"ת .**

אין כוחינו אלא בפה:

**אידן זענען מתפלל אז די מזימות רשע פון די ציוני'סטישע רשעים צו מבטל זיין דעם קיבוץ זאל נישט מצליח זיין וממם בל תפק .**

קיעוו. - מטעם די געטרייע און אחריות'דיגע עסקנים, וועלכע שטייען אין שפיץ פון "איחוד ברסלב" און דער "איגוד הפועל לקיום הקיבוץ", איז די וואך פארעפענטליכט געווארן פאזיטיווע מעלדונגען אז מען האפט ווייטער צו געניסן פון א פולשטענדיגע קאאפעראציע מיט די אוקריינער רעגירונג, וועלכע טוען אנדייטן אז זיי וועלן ערלויבן אומגעצוימטע טרעוול קיין אומאן אויפן קומענדיגן ראש השנה תשפ"א הבעל"ט, אז יעדער איד וואס וויל וועט קענען אריינקומען, אפגעזען יארגאנג אדער סיי וועלכע אנדערע זאך.

דאס קומט אין א צייט וואס די ציוניסטישע רעגירונג אינסטאנצן לייגן אריין אומגעהויערע כוחות צו שטערן און בלאקירן דעם קיבוץ אין אומאן פאר יעדן פרייז. ס'איז ממש שטוינענד וויאזוי די גאנצע מרכבה הטמאה פון די מלכות המינות האט זיך געשטעלט אויף די אונטערשטע פיס פרובירנדיג צו לייגן דרוק אויף די אוקריינישע רעגירונג אז זיי זאלן נישט ארייינלאזן אידן פון אמעריקע, מדינת ישראל און אנדערע לענדער אויף ראש השנה, מיט'ן אויסרייד פון די קאראנא ווייררוס, ווי באקאנט אז שוין לאנגע יארן אז די ציונים קוקן זיך צו מיט בייזע בליקן אויפן גרויסן צוזאמפאר צום ציון פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע, וואס צווישן אנדערן האבן זיי יארן צוריק אפילו געקלערט מפנה צו זיין דעם ציון רח"ל.

## קלאנגען דורך ציוני'סטישע אינטערעסן שטעלט זיך ארויס צו זיין פאַלש

די בייזוויליגע ציוני'סטישע עלעמענטן האבן אין די לעצטערע טעג אנגעדרייט מהומות און צעמישעניש, דורכ'ן פארשפרייטן פאלשע קלאנגען איבער קומענדיגן ראש השנה, אריינגערעכנט איין שמועה וואס זיי האבן פארשפרייט אז מען וועט נאר אריינלאזן פינף טויזנט אידן -מאקסימום 8 טויזענט, וואס האט זיך צום סוף ארויס געשטעלט אז די שמועה האבן די ציונים זעלבסט פארשפרייט צו שאפן א פאניק צווישן ברסלב'ער חסידים.

דעריבער, אויסצוקלארן די צעמישעניש, האבן די פאראנטווארטליכע עסקנים ארויסגעשטעלט דעם מעלדונג אז לויט דעם יעצטיגן צושטאנד וועט בעז"ה נישט זיין קיין שום צוימונגען אויף וויפיל אידן עס מעגן אריינקומען אויף ראש השנה קיין אומאן, און אזוי אויך וועט נישט זיין קיין שום צוימונג אויף וועלכע יארגאנג מענטשן מעגן אריינקומען. די אוקריינישע באאמטע האבן געזאגט אז זייער ציהל איז אז "אומאן ראש השנה" זאל אויף תשרי תשפ"א געפראוועט ווערן געהעריג.

## פארלייכטערטע רעגולאציעס וועלן ערלויבן אידן צו קומען גרינגערהייט קיין אומאן

אין אנדערע פאזיטיווע באריכטן, האט אוקריינא ארויסגעשטעלט די וואך פרישע רעגולאציעס, וועלכע באשטימען אז קינדער אונטער די 12 יאר, וועלכע קומען פון סיי וועלכע אנדערע לענדער, דארפן נישט בלייבן איינגעשפארט.

דאס זעלבע אויב עס קומען אריין מענטשן פון לענדער וועלכע זענען באשטימט אלס "גרינע", (דאס הייסט אזעלכע לענדער וועלכע האבן נישט קיין הויכע ווירוס ראטע) און זיי ווילן בלייבן אין אוקריינא, דארף זיי נישט זיין קווואראנטירט. דאס איז אפילו אויב מען האט אויפ'ן וועג זיך אפגעשטעלט דורך דעם "קאנעקשאן פלייט" אין א "רויטע" לאנד, מיט א העכערע ווירוס ראטע, אויב איז געווען די קאנעקשאן פלייט ווייניגער ווי 24 שעה, וועט מען נאך אלס נישט דארפן זיך איינשפארן.

איבערהויפט האט מען אויפגענומען מיט פרייד דעם טויש אין פאליסי פון אוקריינא, אז מענטשן פון אנדערע לענדער וועלן קענען אריינקומען קיין אוקריינא, אויב זיי האבן דורכגעפירט א טעסט אין די 48 שעה בעפאר זיי זענען אנגעקומען, און זיי האבן א צעטל פונעם דאקטער אז זיי האבן געטעסט "נעגאטיוו", דאן זענען זיי ערלויבט צו אריינקומען אָן נעמען א טעסט פון די אוקריינער אינסטאנצן און אָן דארפן זיין קווואראנטירט.

די נייע רעגולאציע איז אריין אין קראפט דעם פארלאפענעם ערשטן אין אוגוסט למספרם, שב"ק פרשת ואתחנן העעל"ט, און ווי פארשטענדליך איז דאס א געוואלדיגע הילף פאר אידן פון אמעריקע און פון אנדערע לענדער, וועלכע וועלן בעז"ה קענען רואיג וויילן אין אומאן אויף ראש השנה אן קיין שום קאמפליקאציעס, בלויז מיט א צעטל אז מען האט געטעסט נעגאטיוו נאך איידער מען איז ארויסגעפארן קיין אוקריינא.

## טייל פון די זיכערהייט מאסנאמען וועלכע וועלן ווארשיינליך אונטערגענומען ווערן

די אוקריינישע רעגירונג האט גלייכצייטיג ארויסגעשטעלט פארשידענע מאסנאמען אויף ראש השנה הבעל"ט. צווישן אנדערע וועלן זיי פארלאנגען אז יעדער וואס קומט אריין וועט מוזן האבן פעליגע אוקריינישע העלט אינשורענס וואס זאל זיין אקטיוו אין לויף פון אלע טעג וואס מען געפונט זיך אין אוקריינע, און אז די אינשורענס זאל אויך דעקן די קאסטן אויב דארף מען ח"ו צוקומען צו באהאנדלונג פאר קאראנא ווירוס די אינשורענס פון אוקריינא איז בכלל נישט קיין טייערע זאך, אלע טרעוועל אגענט'ן קענען עס זייער גרינג מאכן.

צו קענען פארזיכערן אז די טעג פונעם הייליגן יו"ט ראש השנה גייט אריבער גלאטיג, וועט דער גאנצער פושקינא געגנט ארום דעם ציון הקדוש אין אומאן דערקלערט ווערן אלס א "סטעריליזירטע געגנט", וואס וועט ספעציעל גערייניגט ווערן מיט כעמיקאלן צו פארזיכערן אז סיי וועלכע באקטעריע אדער שפור פונעם ווירוס ווערט אפגעווישט. צוליב די דעזיגנאציע אלס א "סטעריליזירטע געגנט", וועט זיין געצוימט דאס קענען קומען און גיין פון פושקינא און די איבריגע שטאט אומאן, און דעריבער איז וויכטיג צו האבן ערלעדיגט אלעס וואס מען דארף גענוג פרי, ווייל מען וועט זיך נישט קענען צופיל דרייען.

זאל טאקע באטאנט ווערן אז לויט די יעצטיגע פלענער וועלן די מנינים צום דאווענען ווארשיינליך נישט זיין געצוימט איבער וויפיל באטייליגטע עס מעגן זיין. טראץ וואס צווישן די בייזוויליגע שמועות איז אויך געווען א קלאנג אז ס'וועט זיין געצוימט צו 30 מתפללים פער מנין, איז דאס אבער דערווייל נישט ריכטיג, און מען האפט טאקע אז מען וועט קענען מקיים זיין דעם "ברוב עם הדרת מלך" ווי אלע יארן.

צווישן די פארשידענע צוימונגען, וועט ווארשיינליך זיין אוועקגעשטעלט א סיסטעם אז מען וועט נאר קענען אריינגיין צום ציון הקדוש אויף א גאר קורצע ווײַלע, אין א ספעציעלע שורה איינער אונטער'ן צווייטן, און מען וועט דארפן ארויסגיין נאך עטליכע מינוט. די בתי מדרשים און מנינים וועלן מעגליך זיין צעטיילט מיט ספעציעלע "פלעקסי" גלאז אזוי אז עס זאל זיין ווי אפגעטיילט און נישט א גרעסערע צאל מענטשן אינאיינעם, און אויך די מקוואות וועלן זיין געצוימט וויפיל מענטשן אויפאמאל מעגן אריינגיין.

די חשוב'ע עסקנים לייגן אריין גרויסע כוחות אז מען זאל קענען ווי מער פארלייכטערן פאר'ן ציבור, אין מען האפט אז ביז ראש השנה וועט נאך זיין אסאך פארענדערונגען איבער אלע פרטים וואס וועט זיין די מערסטע באקוועם פאר'ן חשוב'ן ציבור. גלייכצייטיג האבן די עסקנים געבעטן צו דערמאנען אז עס וועט זיין א פאליצײ קראפט פון מער ווי טויזנט אפיצירן וועלכע וועלן אינפארסירן די אלע דערמאנטע פארשריפטן, און מען זאל זיך צושטעלן אויפן בעסטן פארנעם אין ח"ו נישט מאכן א חילול ה'.

## ציוני'סטישע רעגירונג איבט אויס דרוק אויף אוקריינא; שטעלט אפ דעם קיבוץ!

מיט א ברייטערן בליק אויף די סוטואציע, שטייט מען יעצט ביי א מאמענט, ווען אדאנק די איבערמידליכע שתדלנות פון געטרייע עסקנים פון ארץ ישראל און פון אמעריקע, איז אויסגעארבעט

געווארן א דעטאלירטע פלאן, אינאיינעם מיט די העכסטע אוקריינער רעגירונג אינסטאנצן, וואס וועט בעז״ה ערלויבן צו קענען אפהאלטן דעם יערליכן קיבוץ אין אומאן, אויף א פארזיכערטן סיסטעם.

דער פלאן איז שוין אומאפיציעל אפילו באשטעטיגט געווארן דורך די אוקריינער רעגירונג, וועלכע איז שטארק פאראינטערסירט אז דער גרויסער קיבוץ זאל יא פארזעצן אויך דאס יאר. אבער צום גרויסן ווייטאג זענען עס דוקא די ציוני׳סטישע רעגירונג, וועלכע האבן אין די לעצטע טעג אנגעהויבן אויסאיבן א שווערן דרוק אויף אוקריינא, אז זיי זאלן צוריקציען פון דעם פלאן, וואס איז למעשה נאך נישט אפיציעל באשטעטיגט געווארן, אדער זאלן זיי כאטש מיניזירן דעם צאל וויפיל מענטשן עס זאלן זיין ערלויבט צו קומען אויף ראש השנה.

צו דער זעלבער צייט האבן די ציוני׳סטישע אינטערעסן אנגעהויבן אן ״אפשרעקונג קאמפיין״ אין ארץ ישראל, וואו עס גייט נישט פאראיבער קיין מעת לעת אן פרישע באמבאסטישע מעלדונגען און דעקלעראציעס פון ציוני׳סטישע מויל מאכער וועלכע שרעקן אפ די מאסן פון די ״סכנה״ וואס אומאן ראש השנה וועט חלילה ברענגען. דאס זעלבע סטראשן זיי אז די וואס קערן זיך צוריק פון אומאן קיין ארץ ישראל נאך ראש השנה, וועלן זיך דארפן ארייננשטעלן אין קוואראנטין פאר גאנצע 2 וואכן, וואס רעכנט אריין יוה״כ אין די ערשטע טעג פון דעם יום טוב סוכות.

דאס קומט אין דער זעלבער צייט וואס די ציוני׳סטישע מדינה ערלויבט ריזיגע פראטעסטן פון צענדליגער טויזנטער מענטשן אויף די גאסן פון תל אביב, און אין דער זעלבער צייט וואס אלע רעסטוראנטן און קלאב׳ס זענען ערלויבט צו זיין אפן.

פאר די רשעים שטערט נישט דעם ״ווירוס״, זיי שטערט גאר עפעס אנדערש... עס איז זיי לצנינים בעיניהם דער הייליגער קיבוץ פון אזויפיל רבבות אידן וועלכע זענען ממליך השי״ת ביים הייליגן ציון אין די ווייטע אוקריינא, און זיי זענען אנטשלאסן דאס צו אפשטעלן פאר יעדן פרייז חלילה.

לויט ווי די עסקנים גיבן איבער אין א שמועס מיט ״בארצות החיים״ איז דא שטארקע אנדייטונגען אז די אוקריינער רעגירונג וועט זיך בעז״ה נישט ברעכן צום דרוק פון די ציונים און וועט ווייטער ערלויבן צו דורכפירן דעם קיבוץ לויט די באשטימטע רעגולאציעס.

פארט אבער איז מען אנגעוויזן אויף אסאך תפלות ישראל, איבערהויפט ווילאנג אוקריינא האט נאכנישט אפיציעל באשטימט איר פאליסי אויף ראש השנה. געוויס זענען ברסלב׳ער חסידים אנטשלאסן נישט צו ווערן געפאלן פון די בייזוויליגע ציוני׳סטישע העצע און אפשרעקונג׳ס מיטלען, און מען איז ווייטער מתפלל בכל לב ונפש אז מען זאל זוכה זיין צו ווילן ביים הייליגן ציון אויף ראש השנה, בשערי ציון נעוף כיונים.



>>> המשך פון זייט 1 **חז״ל האבן מתקן געווען אויף קברי ישראל איז טאקע נתקן געווארן בעיקר אויף אזא סארט בית החיים, מיט אסאך מתי ישראל, וואס בלויז השי״ת איז דער ״יודע מספר כולכם בדין״.**

**ווירקליך געפינען מיר שוין פריערדיגע מקורות צו דער יסוד איבער דעם גרויסן ענין פון מקבר זיין א נפטר דוקא אויף א בית החיים וואו עס זענען שוין באהאלטן מערערע קברים, ווי שטייט שוין אין פי' הרא״ש (נזיר ס״ה, הובאו דבריו בשיטה מקובצת כתובות ב:) אז ״אין דרך לקבור מתים אלא במקום המיוחד לקברים הרבה״. ווידעראום פונעם מבי״ט לערנען מיר נאך א פונקט אז ס'איז גילטיג דערביי דעם יסוד פון ״כל המרבה הרי זה משובח״.**

## זענען די נפטרים מקפיד אויב מען פירט ארויס א נפטר אים צו באערדיגן אין אַן אנדערע שטאט ?

**אין שלחן ערוך ווערט גע'פסק'נט להלכה, (יורה דעה סי' שס״ג): ״אין מוליכין מת מעיר שיש בה קברות לעיר אחרת״ - מען פירט נישט ארויס א מת פון א שטאט וואס האט א בית החיים, צו אן אנדערע שטאט. און דער ש״ך אויפ'ן ארט (שם ס״ק ד') ערקלערט דעם טעם, אז דאס איז צוליב דעם כבוד פון די מתים וועלכע זענען באערדיגט אין דער שטאט, וויבאלד ס'איז פאר זיי א בזיון אויב מען לייגט נישט דעם נפטר צווישן זיי.**

**נאכמער ווערט געברענגט אין די ״צוואת רבי יהודה החסיד״ אז די נפטרים האבן א הקפדה און זענען חלילה בכעס אויב מען פירט אוועק א נפטר אים צו באערדיגן אין אן אנדערע שטאט. דער כבוד און די רצון פון די נפטרים איז אז מען זאל באערדיגן נאך נפטרים אין זייער בית הקברות, דעריבער ווען מען פירט אוועק א נפטר צו אן אנדערע ארט האבן זיי ח״ו א כעס און א קפידא. צוליב דעם וואס דאס מאכט אז דער בית החיים זאל נישט האבן די געוואלדיגע חשיבות פון אסאך נפטרים וואס זענען באערדיגט אין דעם זעלבן מקום קדוש.**

**און דאס איז דאך פארשטענדליך ביז גאר אז אויב פון דעם אויבנדערמאנטן צוואת רבי יהודה החסיד זעהן מיר ווי שטארק די מתים זענען מקפיד און זענען ח״ו בכעס אפילו אויף איין מת וואס מען איז נישט מקבר אינאיינעם מיט זיי אין דעם בית החיים, דאן איז דאך געוויס פילפאכיג גרעסער דער חרון אף חלילה, ווען מען ״נעמט ארויס״ א מת וואס איז שוין פאקטיש באערדיגט געווארן צווישן זיי, און צוליב סיי וועלכע סיבה, פירט אים אוועק צו אן אנדערע ארט, וואס דעמאלט איז דער כעס און דער קפידה זייער גרויס.**

## די שרעקליכע מציאות אין דעם אור - אלטן בית עולם אין ״אומאן״

**אט דאס אלעס איז אבער בלויז א ווייטער משל, און א הקדמה, צו דעם ווייטאגליכן מציאות וואס שפילט זיך אפ פארנט פון אונזערע אויגן אין דעם הייליגן בית החיים אין דער שטאט אומאן.**

**אין אט דעם היסטארישן בית החיים, זענען שוין באערדיגט געווארן, דורכאויס הונדערטער יארן, צענדליגער טויזנטער אידישע נפטרים עליהם השלום, אויסער די 30 טויזנט קדושי אומאן. עס איז די רעדע פון א ריזיגער בית החיים אויף אן אויסטערלישן פארנעם, וואס איז א ספעציעלע זכות און זכי' פאר די אלע נפטרים, צו ליגן אין אזא מקום חשוב צווישן אזויפיל רבבות אידישע קינדער, אויף וועמען ס'איז באשטימט געווארן די ברכה פון ״יודע מספר כולכם בדין״.**

**אין די אויבנדערמאנטע ספרי קודש איז קלאר מבואר אז אויב וואלט חלילה געקומען עמיצער, און אריבערגעפירט ״אפילו איין נפטר״ פון דעם גאנצן בית החיים, און אים באערדיגט אין אן אנדערע שטאט, דאן וואלטן די אלע צענדליגער טויזנטער נפטרים וועלכע זענען דארט באהאלטן, געהאט א הקפדה און א כעס ח״ו אויף אזא אקט. און כידוע פון די קדמונים, איז דער קפידה פון נפטרים א געוואלדיגע סכנה פאר די לעבעדיגע, ה' ישמרינו.**

**און אויב איז דאס אלעס גילטיג ביים אריבערפירן ״אפילו איין נפטר״, צו קענען מיר זיך בכלל פארשטעלן דעם אומגעהויערן צער, דעם שרעקליכן ווייטאג, פון די קדושים אשר בארץ המה, די רבבות נפטרים וואס ווערן געטשעפעט דערפון?**

**אט דאס איז ליידער וואס עס האט פאסירט און וואס עס פאסירט ווייטער, בעת די שורות ווערן געשריבן, אין דעם היסטארישן אור - אלטן בית החיים אין אומאן.**

**ניין, טייערע אידן, מען האט נישט בלויז ארויסגענומען** המשך אויף זייט 5 >>>

>>> המשך פון זייט 4

איין נפטר פון קבר אים צו פירן צו אן אנדערן בית החיים... מען האט אויך נישט ארויסגענומען צענדליגער נפטרים פון זייערע קברים זיי צו מקבר זיין אין אן אנדערע שטאט... עס איז די רעדע פון אינגאנצן עפעס אנדערש.

מען האט ליידער ארויפגעברענגט אויפ'ן שטח הבית חיים, מאכטפולע טראקטורן וועלכע האבן אויפגעהויבן גרויסע שטיקער ערד, ריזיגע קוואנטומען זאמד, אויסגעמישט מיט די עצמות קדושות פון אור - אלטע קברי ישראל, וואס ליגן שוין דארט במנוחה הונדערטער יארן. די הייליגע ערד האט מען איינפאך אויסגעגאסן אריין אין זאמד טראקס וועלכע האבן דאס ארייגעשליידערט אין די מיסט, צעברעקלט און צעשטיקלט.

אוי, ווער קען אפילו זיך משער זיין די אויסטערלישע צער, די ביטערע ווייטאג און די מורא'דיגע שאנדע, סיי פון די הייליגע נפטרים וועמענס עצמות קדושות מען האט צעמאלן און ארויסגעווארפן, און סיי פון די אנדערע טויזנטער נפטרים, וואס מען ליידיגט אויס "זייער בית החיים", ווי ערוועגט אז דאס איז א שרעקליכע צער פאר'ן נפטר.

## דאס אויסטערלישע קדושה פון דעם הייליגן בית החיים

מיר ווייסן נישט גענוי די נעמען פון די אלע נפטרים, אידן וועלכע ליגן שוין באהאלטן אין דעם בית החיים פון אומאן הונדערטער יארן, און מיר ווייסן נישט זייער מהות, צווישן זיי איז געוויס פאראן פשוט'ע אידן, וואס מיט יעדעס יאר וואס גייט פארביי ווערן זיי מער אויסגעלייטערט און גייען העכער אין די עולמות העליונים כמבואר בספה"ק.

ווידעראום איז זיכער אויך פאראן צווישן די נפטרים מערערע תלמידי חכמים עובדי ה' קדושי עליון וואס נאך בחייהם זענען זיי געשטיגן און היינט צוטאגס - נאך אזויפיל יאר בגנזי מרומים - קענען מיר זיך אפילו נישט פארשטעלן זייער הויכע מדריגות וואו זיי זענען אנגעקומען כזוהר הרקיע. מיר אידן מאמינים בני מאמינים גלייבן אז דאס איז א הייליג ארט און מיר טרעטן צו דערצו מיט א חרדת קודש באימה וביראה.




דאס איז אלעס אויסער די מורא'דיגע קדושה פון דעם בית עולם, וואו עס זענען באהאלטן די 30 טויזנט קדושי אומאן, וואס דעריבער האט הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע, אויסגעוועלט דעם מקום קדוש דארט צו ווערן נטמן, צוליב איר גרויסע חשיבות און קדושה נפלאה.

דער הייליגער צדיק, הרה"ק רבי נחמן זי"ע, האט אפילו מוותר געווען אויף די מעלה פון "קברי אבות", נישט קוקנדיג אויף די גרויסקייט דערפון, און ווי מיר געפינען שוין ביי יעקב אבינו אז אין זיינע לעצטע שעות האט ער געבעטן פון זיינע קינדער, די שבטי קה, "ושכבתי עם אבותי", און ווי מיר געפינען אומצאליגע מאל אין תנ"ך וויאזוי די אבות הק', די נביאים און די מלכי בית דוד זענען נטמן געווארן אין קברי אבות (עי' ירושלמי מו"ק פ"א).

אבער טראץ דעם אלעם האט הרה"ק רבי נחמן זי"ע מוותר געווען אויף דעם גרויסן ענין און האט בפירוש אויסגעדרוקט זיין רצון צו ווערן באהאלטן דוקא אין דעם בית החיים צווישן די אלע קדושים און אלע אנדערע נפטרים וועלכע ליגן דארט, ווי באקאנט אז ער האט אנגעצייגט מיט'ן פינגער אויפ'ן בית החיים אין אומאן און געזאגט בלש"ק: "דא איז גוט צו ליגן", צוליב זיינע הויכע פארבארגענע כונות פון תיקון נשמות ישראל, וואס ווערט ליידער אצינד געשטערט דורך דעם וואס מען איז מחלל דעם בית החיים רח"ל.

## די מורא'דיגע פגיעה בישיני עפר איז אויך א שרעקליכע פגיעה וחילול כבוד הצדיק

ווי אויפטרייסלענד עס הערט זיך איז דער מציאות אז די ביטערע חילול כבוד המתים אין דעם היסטארישן בית החיים פון אומאן, איז גלייכצייטיג אויך א פגיעה נוראה אין דעם הייליגן צדיק, הרה"ק רבי נחמן זי"ע, וועלכער איז זעלבסט באהאלטן אין דעם בית עולם און ווי דערמאנט האט יעדער נפטר א צער און א קפידא אויב טשעפעט מען חלילה דעם בית החיים.

די מחללי הקברים האבן זיך אלזא נישט בלויז פארמאסטן צו מחלל זיין קברי ישראל, נאר זיי האבן דערמיט פוגע געווען אין דעם קודש הקדשים. ווי גרויס איז דער ווייטאגליכער צער וואס מען איז גורם פאר דעם צדיק אמת השוכן שם און ווי גרויס איז דער חיוב אויף יעדן איד, מיט א אידיש הארץ, צו שפירן דעם צער פון די ישיני עפר און דעם צער פון דעם צדיק וועמענס מקום מנוחה ווערט אזוי ברוטאל פארשוועכט לעיני השמש!

נאכמער. ווי קענען מיר זיך פארשטעלן דעם צער פון דעם צדיק הרה"ק רבי נחמן זי"ע, ווען די ישיני עפר קומען חלילה מיט א טענה אז אדאנק אים ווערן זייערע קברים ליידער נתחלל. ווייל צוליב דעם וואס עס קומען אזויפיל טויזנטער אידן ווילן אויף זיין ציון הק', האבן ארויסגעשפראצט די אומפארשעמטע אינוועסטירער, מיט פינאנציעלע אינטערעסן, וואס בויען גרויסע בנינים אויפ'ן חשבון פון די הייליגע נפטרים וועלכע זענען באהאלטן דארט. קענען מיר בכלל משער זיין דעם צערו של אותו צדיק בגנזי מרומים ?

## דער חובת השעה ליגט אויף אונז!

די הייליגע נפטרים בעולם העליונים ווארטן יעצט בלויז אויף אונז, דא אויף דער נידריגער וועלט. מי לנו גדול פון דעם הייליגן רבי נחמן זי"ע וועלכער האט זיך שוין בחייו אויסגעדרוקט: "איך, אָן אייך, קען נישט".

מיר גלייבן טאקע אין דעם כח העצום וואס צדיקים האבן צו פועל'ן פאר אידישע קינדער און מתקן זיין אידישע נשמות, אבער די צדיקים אויף יענער וועלט זענען אויך אנגעוויזן אויף די גשמיות'דיגע פעולות פון די פליישיגע בשר ודם'ס דא אויף דער וועלט, זיי צו העלפן און אפשטעלן דעם הירוס הבית החיים ובזיון המתים בעוד מועד. מיר קענען זיך נישט פארלאזן אז די צדיקים זאלן זיך שוין אליינס מסדר זיין מיט זייער גרויסן כח, נאר מיר מוזן טון דאס מאקסימום השתדלות בדרך הטבע וואס מיר קענען טוהן, להסיר את חרון אף מישראל.

ס'איז נישט קיין ספק אז יעדער איד, וואס בלוטיגט, וואס ווייטאגט און וואס טוט סיי וועלכע פעולה, צו העלפן ראטעווען דעם הייליגן בית החיים אין אומאן, וועט געוויס זוכה זיין צו באקומען די ברכת הכרת הטוב פון די קדושי אומאן, די ישיני עפר פון אלע דורות, און פון דעם צדיק אמת הרה"ק רבי נחמן זי"ע, וועלכע וועלן אלע מכיר טובה זיין פאר די אלע וועלכע העלפן אראפנעמען זייער צער הנורא, וממקומו הוא יפן ברחמים להשפיע שפע ברכות וישועות.

## אֵיךְ יֶעֱרַב לִי אֱכֹל וּשְׁתוֹת בְּעֵת אֶחֱזֶה, כִּי יִסְחֲבוּ הַכְּלָבִים אֶת־כְּפִירָיִךְ!

**צו ערהאלטן דעם אינהאלטספולן קונטרס "דעת תורה ופסק רבותינו", ווי עס ווערט הערליך שיין קלאר ארום געשריבן אלע חלקי ההלכה איבער שמירות וחילול הבית החיים, לאזט איבער א מעסעדזש פאר די מערכת הגליון "בארצות החיים" מיט אן אימעיל אדרעס, און מיר וועלן עס אייך ארויסשיקן ווי אמשנעלסטן בעז"ה.**

# בריוו
## וואס איז ערהאלטן געווארן צום מערכת

**לכבוד די מערכת פון דעם גליון החשוב "בארצות החיים", הע"י.**

צום אלעם ערשט וואלט איך זיך געוואלט באדאנקן און ארויסברענגען מיין התפעלות פון דעם אינהאלטסרייכן גליון וואס ערשיינט ב"ה בתכלית ההידור והיופי, מיט אזעלכע אקטועלע און וויכטיגע רייד, הערליך אראפגעשריבן און ערקלערט. ס'איז קענטיג די שטארקע כוחות וואס מען לייגט אריין צו ארויסגעבן א שלימות'דיגע ארבעט, פול מיט רייכע יסודות און תוכן, וואס איז באמת א געשמאק צום ליינען. זאל השי"ת טאקע העלפן און די דברים היוצאים מן הלב זאלן אויפטון דאס ריכטיגע, וחפץ ה' בידכם יצליח.

איך וואלט נאר געוואלט צולייגן עטליכע שורות פון מיין אייגענע ערפארונג, אויף דעם וואס איר האט דערמאנט אין דעם פריערדיגן גליון איבער דעם חילול הקברים אין אומאן. איך קלער אז ס'איז וויכטיג צו מיטטיילן מיט אידן וואס איך האב געזען מיט מיינע אויגן, ווען איך בין געווען אין דער שטאט אומאן מיט עטליכע וואכן צוריק, צו מתפלל זיין ביים ציון הק' פון רבי נחמן מברסלב זי"ע.

דער אמת איז אז שוין לאנג וואס איך האב א נאנטן קשר מיט א ידיד וואס וואוינט היינט צוטאגס אין אומאן, און יעדע שטיקל צייט דערציילט ער מיר איבער דעם ביטערן מצב מיט דעם אורטיגן בית החיים, און ער ברענגט מיר כסדר פרישע "אפדעיטס" איבער שטחים וואו מען האט ליידער געגראבן.

איך וועל זיין אויפריכטיג אז איך האב אים נישט גענומען צו ערנסט, כ'האב געקלערט אז ער איז מגזם און טרייבט איבער די גאנצע סוטואציע... דעריבער ווען איך בין לעצטנס געווען ב"ה אין אומאן האב איך באשלאסן צו כאפן א בליק פון דער נאנט און זעהן וואס דא גייט פאר.

וואס זאל איך אייך זאגן? כ'האב ממש געהאט בושות פון מיין ידיד וואס האט מיר באגלייט צו די אלע שטחים, זעהנדיג אז נישט בלויז וואס ער האט נישט "איבערגעטריבן", נאר ער האט ליידער אפילו נישט גענוג מסביר געווען וואס פאר א שוידערליכע סצענעס מען זעהט דארט.

מיט מיינע אויגן האב איך געזען וויאזוי אויף צוויי ערטער אינמיטן דעם בית החיים, 1. ביי דער זייט פון די פושקינה גאס, קעגן איבער דעם "שערי ציון" האטעל, און 2 אויף די פושקינא גאס, האט מען אנגעהויבן "לייכטע בוי ארבעט", נעמליך מען לייגט ארויף א סקעלעט פאר א בנין, דורך א "פרעים" אנגעפולט מיט "סטיל" און אייזנס. דאס דעקט מען דערנאך איבער מיט צעמענט. צוליב דעם וואס דער בנין איז נישט געמאכט מיט קיין פונדאמענטן האט מען טאקע דארט נישט געגראבן און נישט פוגע געווען אין קיין קברים, און מען האט אפילו אויפגעהויבן דעם בנין אביסל.

אבער איך שטיי און שטוין, וויאזוי טרויען זיך מענטשן צו בויען אפיציעל א געביידע אויף א בית החיים?! וואלט עמיצן אפילו איינגעפאלן אין ווייטן חלום צו גיין בשאט נפש און באדעקן קברים אין די היימישע בתי חיים אין ניו דזשערסי צו אין קווינס כדי צו בויען דערויף א בנין?

לאמיר זיך פארשטעלן, אויב וואלט זיך געמאכט אזא סארט פארשוין, וואס זאל גיין און בויען בנינים אויף קברי ישראל אין אונזערע בתי חיים דא, וואלטן נישט אלע היימישע געגנטער געטומלט און גע'רעש'ט? ווער רעדט נאך פון די קרובים פון די נפטרים, וואלטן דאך מרעיש עולמות געווען, ביז דער יעניגער וואלט אפגעטראגן און איבערגעלאזט דעם בית החיים במנוחה. שטעלט זיך די פראגע, "מה נשתנה" די ישיני עפר אין אומאן, וואס זייער גורל איז געווארן אפגעסטעמפלט אז אויף זייערע קברים קען מען רואיג בויען הויכשטאקיגע בנינים?

איך גיי נישט אריין אין די הלכה'דיגע שאלות דערפון, וואס דאס איז די אויפגאבע פון מורי הוראה און גדולי ישראל, (דוכט זיך אז כ'האב געזען א פסק אויף דעם נידון אז דאס איז אסור עפ"י הלכה), אבער אפילו אן אריינגיין אין הלכה'דיגע נושאים, וואו איז די פשוט'ע אידישע טרייסל ווען מען רעדט פון קברי ישראל? דאס ענין פון "השארת הנפש" איז דאך שטענדיג געווען דער פשוט'ער יסוד וואס האט אונז אפגעטיילט פונעם גוי, וואו איז דאס פארשוואונדן?

איך בין געגאנגען בודק זיין אויף דעם צווייטן ארט, וואס מיין ידיד האט מיר אנגעצייגט. דער שטח געפינט זיך אויף די פושקינא גאס נומער 30, און אנקומענדיג האב איך באלד געזען א טיפן גרוב אין דער לענג, וואס איז געווען קענטיג אז דאס איז נארוואס פריש אויפגעגראבן געווארן רח»ל. שפעטער האב איך געהערט אז אין דעם גרוב, וואס געפינט זיך אינמיטן דעם שטח הבית החיים, האט מען אריינגעלייגט "פלאמינג פייפס"פאר די סויער, ה"י.

זעהנדיג פון דער נאנט די שרעקליכע סצענעס וואס טרייסלט אויף יעדעס אידיש הארץ, קען איך זיך ממש נישט בארואיגן. וויאזוי איז א איד מסוגל צו מחלל זיין די קדושת בית החיים און פארשווענכן די מנוחה פון ישיני עפר וואס מיר האפן יעדן טאג אז זיי זאלן שוין אויפשטיין צו תחיית המתים? וויאזוי איז פארלאשן געווארן די איינפאכע אידישע געפיל און יראת הכבוד פון די אלע, פאר א בית החיים און פאר קברי ישראל? פון טיפעניש פון הארצן רוף איך צו די אידן הערט אויף! ווייל אזא וועג וועט נישט מצליח זיין.

זייט ממשיך מיט אייער הייליגע ארבעט צו ראטעווען דעם בית החיים הקדוש.

ווי עס שרייבט מיט ווייטאג, און מיט א ברכת חזקו ואמצו

(נאמען געהיטן אין מערכת)

## ענטפער פון מערכת:

ס'איז באמת א שמחה צו זעהן וויאזוי אויך אין אונזער שוואך דור, עקבתא דמשיחא, זענען נאך פאראן אידן וועלכע ווייטאגן אויף דעם שרעקליכן פרצה, א זאך וואס פעלט אזוי אויס היינט צוטאגס.

ס'איז באקאנט וואס הרה"ק רבי נחמן זי"ע האט פאראויסגעזאגט ברוח קדשו אז איידער ביאת המשיח וועט זיין אויף דער וועלט א מבול, נישט פון וואסער, נאר פון אפיקורסות און כפירה ה"י. די נסיונות וועלן זיין זייער גרויס און אפילו ערליכע מענטשן וועלן זיך געפינען אין א געוואלדיגע סכנה פון אריינפאלן אין דעם מבול פון כפירה, ווי ער האט זיך אויסגעדרוקט בלש"ק: **"עס וועט אריין שפריצן אפילו אין די כשר'ע הערצער"**. (כוכבי אור, סיפורים נפלאים ד).

און ביי אן אנדערע געלעגנהייט האט ער געזאגט בלש"ק: "איך וועל אייך מגלה זיין א סוד, אז עס וועט זיין א גרויסע אפיקרוסות אויף דער וועלט, פון אויבן וועט אראפקומען אן אפיקורסות אויף דער וועלט צוליב דעם נסיון".

טראץ דעם אלעם זעהן מיר ב"ה אז ס'איז נאך פאראן אידן וועלכע זענען פארבליבן "כשר'ע הערצער", יראי ה' וואס זייער הארץ בלוטיגט אויף דעם קלות הדעת און חילול קברי קדמונים, וואס איז אמאל געווען פשוט ביי שוואכסטן איד און יעדעס מאל וואס מען האט געהערט איבער דאס מינדסטע פגיעה אין קברי ישראל איז יעדער איד אויפגעציטערט געווארן.

לגבי דאס וואס איר דערמאנט דעם הלכה'דיגן חלק פון מחלל זיין א בית החיים דורך בויען א בנין דערויף, אויך אויב מען גראבט נישט בפועל אויף קיין קברים. האבן מיר אין דעם גליון "בארצות החיים" גליון א', שוין ציטירט דאס לשון פון שו"ת באר חיים מרדכי (חלק יו"ד דף נ"ט, סי' ל"א), וואו ער ווערט אנגעפרעגט איבער א שאלה אז עטליכע ארימעלייט האבן נישט געהאט קיין דאך איבער'ן קאפ וואו צו וואוינען, און איניגע שטאט'ס לייט האבן זיך "מרחם געווען" אויף די ארימעלייט, און געגעבן רשות אז זיי זאלן זיך בויען הייזער אויף דעם אלטן בית הקברות, העכער קברים, אן דעם וואס זיי זאלן צורירן אדער אויפגראבן ח"ו די קברים.

דערויף שרייבט דער גאון פייערדיגע ווערטער וז"ל: **"רעדה אחזתני בקראי את מכתבם מפרצה הנוראה, אשר כמעט מעולם לא נשמע כמוה"**. ער ברענגט מערערע מקורות להלכה אז דאס איז אן איסור חמור און ער פירט אויס בלשונו: "כלל גדול הוא כי בדבר הפשוט לאיסור אין לפלפל ולהאריך, ובזה הלא האיסור פשוט כפול ומשולש בש"ס ופוסקים, בהלכות פסוקות וברורות, ואך באזהרה בכח התורה ובקריאה של חיבה הנני לכל בני העיר ולהמנהלים אנא שימו אל ליבכם ובינו את אשר לפניכם גודל פירצת גדר החומרי והמוסרי שיש בזה לחלל כבוד המתים אשר נשמותיהם צרורות כבר בצרור החיים, הלא תדעו כי מלבד האיסור שיש בזה עפ"י דת תוה"ק עוד סכנה מרחפת על אלו שישהו באלו הבתים וגם חלילה על כל אנשי העיר אשר בידם למחות כי כל מי שיש בידו למחות כו' וכמאמרם ז"ל" - און ער איז ווייטער ממשיך - **"חוסו נא על כבוד נפשות המתים ונפשות החיים, וזאת עשו וחיו לסתור במוקדם האפשרי כל אלו הבתים שנבנו על אלו הקברים כי באמת אין כאן עשיית הטוב לעניים אדרבה לרע להם שלא יהיה חלילה בתיהם קבריהם"** ע"כ די פייערדיגע ווערטער וואס איז א לימוד אויך אויף אונזער מצב אין דער שטאט אומאן.

לאמיר האפן אז עס זאל שוין זיין ילמדו תועים בינה, אמן.

ברכת מזל טוב
לידידינו איש חי ורב פעלים, צנמ"ס,
הרה"ח מוה"ר שמואל מאיר חשין שליט"א
העומד תדיר בכל לב ונפש למען הצלת הביה"ח בעיר אומאן
לרגל שמחת קישור החיתון של בתו שתחי' עב"ג החתם המופלג בתוי"ש כמר מרדכי דוד ני"ו,
בן הרה"ח מוה"ר יעקב בלום שליט"א, מחשובי חסידי ברסלב
זכות פעלו הטוב יגן בעדו ובעד כל יוצ"ח שהזיווג יעלה יפה, בקשר של קיימא ובנין עדי עד, לראות רב נחת דקדושה ושובע שמחות כל הימים אמן.

אתכם הסליחה. צוליב מאנגל אין פלאץ איז די וואך ארויסגעפאלן דער אפטיילונג פון "שאלות ותשובות" לגבי דעם ביה"ח אין דער שטאט אומאן. אין דעם קומענדיגן גליון וועט דאס בעז"ה ערשיינען.

קול אומאן: פאר אלע אפדעיטס, נייעס, באריכטן, וואס גייט פאר אין אומאן רופט אריין 646-585-3074